# מאך זיך גרייט,
# שרייב זיך איין!



## גרייט זיך צו פאר
## אפארדעבל האוזינג אין
## NYC

NYC | Housing Preservation & Development | Consumer Affairs

# אינהאלט


1 ווערט געוואר איבער אפארדעבל האוזינג אויסוואלן (בלאט 3)

2 ווערט גרייט זיך איינצושרייבן (בלאט 5)

3 שרייבט זיך איין (בלאט 8)

4 זייט גרייט אין פאל איר באקומט אן אינטערוויו (בלאט 12)

5 רעסאורסעס (בלאט 16)




# 1

# ווערט געוואר איבער אייער אפארדעבל האוזינג ברירות



ווערן גרייט זיך איינצושרייבן פאר אפארדעבל האוזינג נעמט צייט - און עס מיינט מער ווי בלויז אויספולן פאפירן. דער וועגווייזער וועט אייך העלפן ווערן מסודר'דיג כדי איר זאלט קענען צוזאממשטעלן א שטארקע אפליקאציע.

# וואס איז אפארדעבל האוזינג?

האוזינג ווערט געווענליך גערעכנט אלס אפארדעבל אויב עס קאסט ארום איין דריטל אדער ווייניגער ווי וויפיל די מענטשן וואס וואוינען דארטן פארדינען. עס זענען פאראן פארשידענע סארט אפארדעבל האוזינג פאר פאמיליעס מיט פארשידענע פארדינסטן.

אין דעם וועגווייזער, מיינט "אפארדעבל האוזינג" אפארטמענטס וואס זענען א טייל פון די רעגירונג אפארדעבל האוזינג פראגראמען. עס קאנצעטרירט זיך אויף האוזינג וואס ווערט סאבסידייזט דורך די ניו יארק סיטי דעפארטמענט אוו האוזינג פרעזערוועישאן און דעוועלאפמענט (HPD) און האוזינג דעוועלאפמענט קארפארעישאן (HDC).

די אינפארמאציע אין דעם וועגווייזער וועט אייך העלפן פארבעסערן אייער אפליקאציע פאר פיל פארשידענע סארטן אפארדעבל האוזינג פראגראמען – און פאר האוזינג אויפן פריוואטן מארק אויך.




## ווער קוואליפיצירט פאר אפארדעבל האוזינג? יעדער קען זיך איינשרייבן! אבער:

- איר מוזט זיין כאטש 18 יאר אלט.
- אין רוב פעלער וועט איר דארפן האבן א סאשעל סעקיוריטי נומער (SSN) אדער אן אינדיווידועלע שטייער-צאלער אידענטיטעט נומער (ITIN).
- ניו יארק סיטי איינוואוינער האבן געווענליך פריאריטעט פאר HPD און HDC האוזינג.
- אייערע פארדינסטן דארפן זיין אין א ספעציפישע ראם, וואס טוישט זיך געוואנדן לויט וויפיל מענטשן וואוינען מיט אייך, און ווערט באשטימט דורך יעדע באזונדערע האוזינג פראגראם.







# מאכט זיך גרייט זיך איינצושרייבן



איר קענט פארבעסערן אייער אפליקאציע מיט עטליכע וויכטיגע שריט. אבער, די שריט קענען דויערן מאנאטן דורכצופירן – הייבט אן היינט!



# ווייסט אייער קרעדיט פארגאנגענהייט

לענדלארדס קענען אייך נישט דיסקוואליפיצירן באזירט אויף אייער קרעדיט סקאר אליין, אבער זיי קענען באקוקן אייער קרעדיט פארגאנגענהייט. מאכט זיכער אז די אינפארמאציע אין אייער קרעדיט באריכט איז ריכטיג, און נעמט שריט צו פארבעסערן אייער קרעדיט סקאר, אויב נויטיג.

- באקומט אייער קרעדיט באריכט פריי פון אפצאל ביי annualcreditreport.com
- איר קענט פארעכטן גרייזן אויף אייער קרעדיט באריכט דורכן אריינגעבן א פארלאנג אנליין, איבער טעלעפאן, אדער דורך שיקן א בריוו צום קרעדיט באריכטונג פירמע.
- באקומט הילף מיט פארשטיין אייער קרעדיט באריכט און ווערט געוואר וויאזוי צו פארבעסערן אייער קרעדיט סקאר פון א פראפעסיאנעלע פינאנציעלע ראטגעבער, פריי פון אפצאל. גייט צו nyc.gov/consumers פאר מער אינפארמאציע אדער רופט 311 און בעט צו מאכן אן אפוינטמענט ביי א ניו יארק סיטי פינאנציעלע עמפאוערמענט צענטער.

# ווייסט אייער האוזינג געריכט פארגאנגענהייט

לענדלארדס קענען באקוקן אויב איר זענט געקומען געווארן צום האוזינג געריכט אדער געווארן עוויקטעד. באקוקט אייער פארגאנגענהייט פון פאראויס כדי איר זאלט קענען באהאנדלען סיי וועלכע פראבלעמען און זיין גרייט צו ענטפערן פראגעס אויב זיי קומען אויף.

- טרעפט און דרוקט ארויס א רעקארד פון אייער פארגאנגענהייט אויף פאבליק קאמפיוטערס, צו באקומען ביי האוזינג געריכט לאקאציעס. גייט צו nycourts.gov/courts/nyc/housing פאר לאקאציעס און מער אינפארמאציע.
- קלארט אויס אורטיילן אנטקעגן אייך דורך בעטן פאר הילף פון אן אדוואקאט ביים האוזינג געריכט, אדער באזוכט nycourts.gov פאר מער אינפארמאציע אויף באקומען לעגאלע הילף.









# הייבט אן שפארן

איר זאלט אפשפארן כאטש צוויי מאנאטן רענט צו דעקן דעם ערשטן מאנאט און די סעקיוריטי דעפאזיט. איר קענט וועלן שפארן אפילו מער כדי צו דעקן די קאסטן פון זיך אריבערציען.

- הייבט אן שפארן פאר אייער אריבערציען אויסגאבן דורך טרעפן א סעיווינגס קאנטע וואס פארדינט אינטערעסט ביי א באנק אדער קרעדיט יוניאן.
  - ✓ אויב איר האט אן IDNYC קארטל, קענט איר עס נוצן צו עפענען א קאנטע ביי פיל בענק און קרעדיט יוניאנס. גייט צו on.nyc.gov/idnycbanks אויסצוגעפינען וואו.
  - ✓ פאר הילף מיט צאמשטעלן א בודזשעט, שפארן, אדער עפענען א באנק קאנטע, באזוכט א ניו יארק סיטי פינאנציעלע עמפאוערמענט צענטער. פאר אינפארמאציע גייט צו nyc.gov/consumers אדער רופט 311 און בעט צו מאכן אן אפוינטמענט ביי א ניו יארק סיטי פינאנציעלע עמפאוערמענט צענטער.



2×

# שרייבט זיך איין



איינמאל איר האט אנגעהויבן ארבעטן אויף אייער קרעדיט, האוזינג געריכט פארגאנגענהייט, און געשפארט געלט, הייבט אן זיך איינצושרייבן פאר אפארדעבל האוזינג!



## שטעלט אויף אייער האוזינג קאנעקט פראפייל



דער ערשטער שריט זיך איינצושרייבן פאר אפארדעבל האוזינג איז צו מאכן א Housing Connect פראפייל ביי:
nyc.gov/housingconnect

◯ איר וועט דארפן האבן אינפארמאציע איבער דעם אינקאם פון יעדער וואס וועט וואוינען אינעם אפארטמענט.

★ אינקאם רעכנט איריין געלט וואס מען מאכט פון א געוועהנליכע פאסטן, פארמאגן אן אייגענע ביזנעס, און/אדער פארט-טיים ארבעט. עס רעכנט אויך אריין אנדערע געלט וואס איר באקומט פון ווארקער'ס קאמפענסעישאן, די רעגירונג (ווי סאשעל סעקיוריטי אדער פאבליק אסיסטענס), און געוויסע פעימענטס פון אינוועסטמענטס און ריטייערמענט.

רוב פון די אינפארמאציע וועט זיין אויף טעקס ריטורן וואס איר האט אריינגעגעבן דעם פארגאנגענעם יאר.

אויב איר ארבעט פאר א צוויטן, רעכנט אריין די סומע וואס איר ווערט באצאלט אידער שטייערן, (וואס ווערט אנגערופן "גראס אינקאם"). אויב איר ארבעט פאר זיך אליין, רעכנט צו די סומע וואס איר מאכט נאך שטייערן און אנדערע דידאקשאנס (גערופן "נעט אינקאם").

אויב איר דארפט מער הילף מיט פארשטיין וואס ווערט גערעכנט אלס אינקאם, קוקט אויף HPD'ס אינקאם וועגווייזער פאר אפארדעבל האוזינג אפליקאנטן:
nyc.gov/hpd/incomeguide



# זוכט אפארטמענטס

- נוצט דעם "סורטש" בלאט אויף Housing Connect צו טרעפן אפארדעבל האוזינג ליסטעס. קליקט דעם נאמען איסצוגעפינען אויב איר קוואליפיצירט פאר א געביידע'ס גורל.

★ עס ווערט אנגערופן א גורל ווייל אזוי ארבעט עס: אלע אפליקאציעס גייען אריין אין א גרויסע פלאַץ און ווערן ארויסגעקליבן אן קיין סדר.

- איר קענט אויך טרעפן ליסטעס אין צייטונגען און אויף HPD'ס און HDC'ס וועבזייטלעך: nyc.gov/hpd און nychdc.com

- יעדע ליסטע וועט ווייזן וויפיל אפארטמענטס זענען אוועילעבל, וויפיל מענטשן קענען וואוינען אין יעדע אפארטמענט, די אינקאם ראם אין וועלכע אייער הויזגעזינד מוז אריינפאלן כדי צו קוואליפיצירן, און ווען די אפליקאציע מוז אריינגעגעבן ווערן.






- אויב די אינקאם פון אייער הויזגעזונד איז צו הויך אדער צו נידריג פארן געביידע, וועט איר נישט קוואליפיצירן. שרייבט זיך איין פאר גורלות פאר געביידעס וואס פאסן צו דעם צאל מענטשן וואס וואוינען מיט אייך און פאסן צום אינקאם ראם פון וואס יעדער פארדינט.

- טייל אפארטמענטס זענען רעזערווירט פאר מענטשן וואס זענען אין געוויסע אומשטענדן, אריינגערעכנט אויב איר:
  - ✓ האט א באוועגונג, הער-קראפט אדער זע-קראפט דיסאביליטי
  - ✓ וואוינט אין די זעלבע קאמיוניטי דיסטריקט
  - ✓ ארבעט פארן שטאט

אויב איינער פון די אויבנדערמאנטע איז גילטיג פאר אייך, מאכט זיכער עס ארויפצולייגן אויף אייער פראפייל און אין אייער גורל אפליקאציעס.

- האלט אייער Housing Connect פראפיל אפ-טו-דעיט. צום ביישפיל, אויב איר באקומט א נייע פאסטן אדער פארלירט א פאסטן, מאכט זיכער דאס צו אפדעיט'ן. קוקט איבער אייער פראפייל יעדעס מאל איר שרייבט זיך איין פאר א נייע געביידע.



# שרייבט זיך איין!

אויב איר טרעפט א געביידע פאר וואס איר קוואליפיצירט, קליקט "Apply" נעבן דעם ליסטע כדי אנצוהייבן אייער אפליקאציע.

- איר קענט אויך אויספולן א פאפירענע אפליקאציע און עס אריינגעבן דורך פאסט.
  - ✓ יעדע ליסטע וועט האבן אינפארמאציע איבער וויאזוי צו באקומען א פאפירענע אפליקאציע.
  - ✓ עס וועט זיין אינפארמאציע אויפן אפליקאציע וואס וועט אייך זאגן וואו עס צו שיקן אויף פאסט.
  - ✓ עס קען דויערן מערערע טעג צו באקומען א פאפירענע אפליקאציע אויף פאסט, דעריבער, אויב איז שוין נאנט צום דעדליין, טראכט וועגן זיך איינשרייבן אנליין. פאפירענע און אנליין אפליקאציעס ווערן באהאנדלט אויפן זעלבן אופן אינעם גורל.

- שרייבט זיך איין איידער דעם דעדליין! די אפליקאציע צייט-אפשניט קען דויערן פון אפאר וואכן ביז עטליכע מאנאטן, דעריבער ערלויבט זיך גענוג צייט.

- ווי לאנג איר גיבט זיך איין איידערן דעדליין, מאכט עס נישט אויס ווען איר האט אריינגעגעבן אייער אפליקאציע.

- דאפלטע אפליקאציעס קענען ווערן דיסקוואליפיצירט, דעריבער שיקט נישט מער ווי איין אפליקאציע. שיקט אויך נישט ביידע, סיי פאפירענע און סיי אנליין אפליקאציעס.

# נאכן זיך איינשרייבן

עס קען דויערן א יאר אדער לענגער ביז איר הערט וועגן אייער אפליקאציע. (און צומאל קען זיין אז איר וועט נישט צוריקהערן.)

- בשעת אירווארט, קוקט פארזיכטיג וואס אייער יעצטיגע ליעס זאגט וועגן זיך ארויסציען איידער די ליעס איז פאריבער. אויב מען שטעלט אייך צו אן אפארטמענט, קענט איר זיך דארפן שנעל אריבערציען.

- בלויז ווייל איר קוואליפיצירט, מיינט נישט אז אייער אפליקאציע וועט ווערן אויסגעוועלט אינעם גורל.

- אויב איר ווערט נישט אויסגעוועלט אדער איר הערט נישט צוריק, זוכט ווייטער אנדערע אפארטמענטס און שרייבט זיך איין ווען איר זענט גרייט.



# 4

# זייט גרייט אין פאל איר באקומט אן אינטערוויו



אויב אייער אפליקאציע ווערט אויסגעוועלט, וועט איר ווערן איינגעלאדנט צו א סקרינינג אינטערוויו מיט אגענטן פונעם געביידע. דער אינטערוויו איז זייער וויכטיג. אגענטן פונעם געביידע וועלן באשטעטיגן אויב איר קוואליפיצירט פאר די אפארטמענט פאר וואס איר האט זיך איינגעגעבן. מאכט זיך גרייט פון פאראויס צו פארזיכערן אז איר זענט גרייט.



## נעמט צוזאם אייערע וויכטיגע דאקומענטן

ביים אינטערוויו, וועט איר דארפן ווייזן דאקומענטן וואס ווייזן אויף די אינפארמאציע וואס איר האט איינגעלייגט אין אייער אפליקאציע. הייבט אן זאמלען קאפיעס היינט!

איר וועט דארפן ווייזן:

- ווער וועט וואוינען מיט אייך.
  ביישפילן:
  – געבורט סערטיפיקאטן
  – סאשעל סעקיוריטי קארטלעך
  – בילדער ID'ס
- די אינקאם פון יעדער וואס וועט וואוינען מיט אייך.
  ביישפילן:
  – פעי סטאבס
  – פעדעראלע אדער שטאטישע טעקס ריטורנס
  – באווייז פון סאשעל סעקיוריטי, וועטעראן, אדער פאבליק שטיצע בענעפיטן אינקאם
- אינפארמאציע איבער אייער יעצטיגע וואוינארט.
  ביישפילן:
  – אייער יעצטיגע ליעס
  – רעסיטס פון רענט
  – לעצטיגע גאז אדער עלעקטריק בילס
- אויב איר דארפט הילף מיט באקומען קאפיעס פון די דאקומענטן, גייט צו HPD'ס וועבזייטל: nyc.gov/hpd/afteryouapply



## מאכט זיך גרייט פארן סקרינינג אינטערוויו

איר וועט באקומען א בריוו אדער אימעיל מיט אנווייזונגען איבער וויאזוי צו באשטימען א צייט פאר אייער סקרינינג אינטערוויו. יעדע וואס איז 18 יאר אדער עלטער וואס וועט וואוינען אין דעם אפארטמענט דארף גיין צום אינטערוויו.

- צו באשטימען א צייט פאר אייער אינטערוויו, פארבינדט זיך מיטן געביידע אגענט וואס שטייט אויפן בריוו.
- אויב איר דארפט באשטימען א נייע צייט פאר אייער אינטערוויו, רופט דעם נומער אויפן בריוו ווי פריער – רוב אגענטן בעטן כאטש 24 שעה מעלדונג פון פאראויס.
- דער אגענט וועט אייך זאגן וועלכע פארמס איר דארפט מיטברענגען. אויב איר האט פראגעס, רופט דעם נומער וואס שטייט אויף אייער בריוו.



## נאכן סקרינינג אינטערוויו...

איר קענט דארפן נעמען עטליכע נאכפאלגנדע שריט כדי זיכער צו מאכן אז אייער אפליקאציע איז געענדיגט. נאכדעם...

- ○ אייער אפליקאציע קען ווערן אנגענומען. איר וועט דארפן דורכגיין נאך אפאר שריט איידער איר באשליסט אז איר ווילט אונטערשרייבן א ליעס.
- ○ איר וועט מעגליך געשטעלט ווערן אויף א ווארט ליסטע וואס קען אנהאלטן ביז צוויי יאר. דער אגענט קען זיך פארבינדן מיט אייך צו אפדעיט'ן אייער אינפארמאציע. פארבינדט זיך מיט זיי אויב איר ווילט ווערן אראפגענומען פונעם ליסטע.
- ○ איר קענט באקומען אן אנטזאגונג בריוו וואס זאגט אז איר קוואליפיצירט נישט און די סיבה פארוואס. אויב דאס פאסירט, האט איר דעם רעכט צו אפעלירן. דאס מיינט איר וועט באקומען א געלעגנהייט צו ערקלערן פארוואס איר קלערט אז דער באשלוס איז נישט געווען ריכטיג.
- ✓ אויב איר ווילט אפעלירן, ארבעט שנעל – איר האט נאר 10 ביזנעס טעג פונעם דאטום אויפן פאסטמארק פונעם בריוו ארייינצוגעבן אן אפיעל!
- ✓ שיקט אריין א בריוו צום געביידע אגענט וואס ערקלערט פארוואס איר מיינט איר וואלט נישט געדארפט ווערן אפגעזאגט. שיקט מיט סיי וועלכע דאקומענטן וועלכע שטיצן אייער אפיעל. דער אנטזאגונג בריוו וועט אייך זאגן וואו עס צו שיקן.




- ✓ די געביידע אגענטן וועלן איבערקוקן אייער אפיעל און אייך שיקן א בריוו מיט די רעזולטאטן.
- ✓ אויב אייער אפיעל איז ערפאלגרייך, וועט איר אדער באקומען א באשטעטיגונגס בריוו אדער ווערן געשטעלט אויפן ווארט ליסטע.
- ✓ אויב אייער אפיעל איז נישט ערפאלגרייך וועט איר באקומען אן אנטזאגונג בריוו. אויב איר האלט אז עס איז נאך אלס דא א טעות, קענט איר זיך פארבינדן מיטן אגענטור (HPD אדער HPC) ביז פינף ביזנעס טעג מיט אן אנקלאגע. מאכט זיכער בייצולייגן אן ערקלערונג פארוואס איר קלערט עס איז דא א טעות. דער בריוו וועט אייך זאגן מיט וועלכע אגענטור איר זאלט זיך פארבינדן און וויאזוי.
- ○ אויב איר ווערט געשטעלט אויף א ווארט ליסטע אדער איר באקומט אן אנטזאגונג בריוו, זענען די אפליקאציעס וואס איר האט אריינגעגעבן צו אנדערע געביידעס נאך אלס אקטיוו. ארבעט ווייטער צו ווערן גרייט אין פאל איר ווערט אויסגעוועלט פאר אן אנדערע געביידע!





# באמערקונגען

# ריסאורסעס

## פרעג אויס מער

טרעפט און שרייבט זיך איין פאר אפארדעבל האוזינג

nyc.gov/housingconnect

טרעפט אנדערע סיטי-סאבסידייזד
האוזינג געלעגנהייטן

HPD'ס וועבזייטל
nyc.gov/hpd/rentalopportunities

HDC'ס וועבזייטל
nychdc.com/pages/Now-Renting.html

באקומט הילף מיט טרעפן און זיך איינשרייבן
פאר אפארדעבל הויזינג

nyc.gov/hpd/findhousing

איר קענט אויך באקומען הילף פון
א הויזינג אמבאסאדאר

דאס זענען קאמיוניטי ארגעניזאציעס. טרעפט איינס ביי:
nyc.gov/hpd/findhousingresources

גרייט זיך צו איינצושרייבן פאר אפארדעבל האוזינג
מיט אומזיסטע, פראפעסיאנעלע, איינס-צו-איינס
פינאנציעלע קאונסעלינג ביי א
ניו יארק סיטי פינאנציעלע עמפאווערמענט צענטער

באזוכט nyc.gov/consumers פאר מער אינפארמאציע,
אדער רופט 311 און בעט צו מאכן אן אפוינטמענט ביי
א ניו יארק סיטי פינאנציעלע עמפאווערמענט צענטער.

דעם פראיעקט איז פארענדיגט געווארן מיטן צוזאמענארבעט פון די צענטער פאר אורבען
פעדאגאגזשי (CUP), א נאן-פראפיט ארגאניזאציע וואס נוצט די קראפט פון דעזיין און
קונסט צו פארמערן באדייטפולע בירגער אנטיילנעמונג: welcometoCUP.org
דעזיין דורך מעיסאן פעיפערקאט: maisonpapercut.com  אילוסטראציע דורך רעבעקע קלארק